יידען, געדענקט, אז דער קאמף געגן די רדיפות אויף יידען אין דייטשלאנד דויערט!

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT

היינט 20 זייטען

פרייז 30 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 179 | Łódź, Piątek, 2 sierpnia 1935 r. | דרייצענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, ג׳ מנחם אב תרצ״ה | № 179

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# 7 טויטע, 8 שווער פערוואונדעטע
## פון דער שרעקליכער בוי-קאטאסטראפע אין ווארשא

**עס זעבען וואקואירט געווארען די לאקאטארען אויך פון דער געגענאיבערדיגע אפיצינע — דאס אפרוימען דעם גרוז וועט קאסטען איבער 2000 זלאטעס. — נערווען-ערשיטערונג און משוגעת אלס פאלגען פון דער קאטאסטראפע**

# היינט קומט פאר די לויה פון די קרבנות

וו א ר ש א, 1 (טעלעפאניש)

נעכטען א גאנצען טאג האט א אפטיילונג פון 50 ארבייטער פון דער טעכנישער אפטיילונג פון דער שטאט - פערוואלטונג געארבייט ביים אפרייניגען דעם גרוז פון דעם איינגעפאלענעם הויז אויף פרעטא 16.

מען האט שוין אפגערייניגט דעם גרוז פון פארטער און ערשטען שטאק. עס ווערען ארויסגענומען די בעלקעס, ציגעל און אנדערע טיילען הויז פון די קעלערס. די פייער-לעשער - אפטיילונג, וואס האט נעכטען געארבייט איז אפגערופען געווארען.

אייגענטליך האבען די דאזיגע ארבייט געדארפט אדורכפיהרען די אייגענטימער פון הויז, אבער צוליב דעם, וואס די ארבייט איז געווען אייליג, האט מען אנגאזשירט שטאטישע ארבייטער און די ארבייט פיהרט אוים דער קאמיטעט אויסצובויען די שטאט אויפ׳ן חשבון פון די הויז-אייגענטימער הענריק און לודמילא פישהויט, וועלכע געפינען זיך אין מאריענבאד און דארפן אויף א טעלעגראפישע ארויס פאדערונג היינט קומען קיין ווארשא.

דאס אפרייניגען דעם גורז וועט קאסטען איבער 2000 זל.. נאכ׳ן אפרייניגען דעם גרוז וועט אויסגעבויט ווערען א שטארקע רושטאוואניע און מען וועט צוטרעטען צו צונעהמען די וואנד, וואס איז אויך נישט נאך איינגעפאלען. דער וויטערדיגער עטאפ וועט זיין דאס צונעהמען דעם צווייטען טייל אפיצינע. דער דאזיגער טייל בנינים רופט ארויס א בעאונרוהיגונג. מען האט פון דארט בעזייטיגט די לאקאטארען און ווי נאר עס וועט פערענדיגט ווערען דאס אפרייניגען דעם איינגעפאלענעם בנין, וועט פארקומען דאס צונעהמען אויך די דאזיגע אפיצינע.

אין משך פון דעם נעכטיגען אווענד און נאכט האבען די דאקטוירים ערטיילט הילף נאך 5 פערזאן און נעמליך: יוזעף פאצולער א ארבייטער, יוזעף גראבאווסקי, ארבייטער, ישראל גאלדבלאט א קאמאשענשטעפער, וועלכער איז נאר דורך א נס געראטעוועט געווארען, נאר ערשט נאך א פאר שעה, האט ער דערפיהלט א שמערץ אין האנד און אין ארים, און אסתר דראטווע, וועלכע האט בעקומען א שטארקע נערוועו-ערשיטערונג.

טרויעריג איז דער גורל פון די אומגליקליכע אפגעראטעוועטע קרבנות, וועלכע האבען נישט נאר פערלוירען זייער ביסעל ארימקייט נאר דעם ראך איבער׳ן קאפ.

די טעכנישע מאכט פארשט אויך אוים די לינקע 4 שטאקיגע אפיצינע, פון וועלכער מיניסטער קאשטשאלקאווסקי האט זיך נעכטען צוגעקוקט צו דער רעטונגס-ארבייט. דער דאזיגער אפיצינע דראהט אויך א סכנה. זי איז אויסגעבויט געווארען גלייכצייטיג מיט דער אפיצינע, וואס איז איינגעפאלען.

אין דעם פראנט-בנין פון הויז געפינט זיך א טאבליצע, אז דא איז געבויט געווארען אין יאהר 1867 מאריא קירי-סקלאדאווסקא. אויך דער דאזיגער טייל בנין וועט אויסגעפארשט ווערען, ווייל עס איז נישט אויסגעשלאסען, אז מען וועט דארט ענדעקען די סיבות פון דער קאטאסטראפע.

היינט אינדערפריה איז פערארדענט געווארען די עוואקואציע פון די לאקאטארען פון דעם לינקען טייל אפיצינע, וואס געפינט זיך פונקט געגענאיבער די אפיצינע, וואס איז איינגעפאלען.

פון אונטער דעם גרוז האט מען ווי בעוואוסט ארויסגענומען 6 דער׳הרג׳עטע. דאס זענען אהרן פיינקוכען, יחזקאל פראנשטעטער 43 יאהר, זיינע קינדער יעקב 14 יאהר און הערש 19 יאהר, רחל ראזענמאן 43 יאהר און לאניא גאלדבלאט 8 יאהר. א חוץ דעם איז אין שפיטאל געשטארבען ביינאכט שיינדעל גאלדבלאט, די מוטער פון דער 8-יעהריגער לאה גאלדבלאט. זי איז אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל און דארט איז זי משוגע געווארען. מען האט זי אפגעפיהרט אין משוגעים-שפיטאל און דארט איז זי געשטארבען.

פון דער פאמיליע פראנשטעטער, וואס איז בעשטאנען פון 6 פערזאן, זענען געבליבען נאר 2 פערזאן די טאכטער בראניא 21 יאהר ווי אויך די מוטער.

א חוץ דעם געפינען זיך אין שפיטאל אברהם ריזמאן 27 יאהר, ברכה פיינקוכען, דאבע קירשענבלאט 19 יאהר, האלא לאנצער 21 יאהר און ציפע רייס. די שרעקליכע בוי-קאטאסטראפע האט אזוי ארום געקאסט דאס לעבען פון 7 פערזאן, 8 זענען שווער פערוואונדעט געווארען. לייכט פערוואונדעטע איז פערהאן 12. זיי געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון זייערע פאמיליעס. א חוץ דעם האבען נאך 5 פערזאן בעקומען נערוועו-ערשיטערונגען.

מיט אלע היימלאזע אויסשליסליך יודען האבען זיך פעראינטערעסירט די יודישע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס. מען האט זיי איינגעארדענט אין יודישען עמיגראנטען-הויז אויף דער מילנע גאס.

בעת דעם אויפגרובען דעם גרוז האט ארויסגערופען סענסאציע דער פאקט, וואס מען האט ארויסגענומען א שווארצע קאץ, וואס איז געזעסען הינטער א בעלקע אויפ׳ן פארטער.

ווי עס ווייזט זיך ארוים זענען די בעלקעס, וואס

(ווייטער זעה 4-טע זייט)

בלב קרוע ומורתח הננו מודיעים ע״ד האסון הגדול שקרה לנו בהלקח מאתנו פתאום ובאופן טרגי, בדמי ימיו בן כ״ד לחייו, בארצנו הקדושה בעיר חיפה ביום ב׳ שבוע זה ושם הובל למניחתו, בחלי היקר, בננו, חינו וגיסנו היקר

מר מגר. ארי׳ זעלענפרוינד נ״ע

(חתן ר׳ איטשע גרינבוים נ״י)

המקום ינחם אתכם בתוך שבורנו הגדול. המודיעים בצער עמוק משפחתו המתאבלת.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אוים אונזער חשובן שעף ה׳ יצחק גרינבוים און פאמיליע ווי אויך דער שווערגעטראפענער פאמיליע זעלענפרוינד צוליבן טראגישען פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכען

מגר. ארי׳ זעלענפרוינד נ״ע

זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

דאס פערסאנאל פון דער פירמע י. גרינבוים. לאדז.

עטופי אבל אנו עומדים לפני קברו הרענן של חברנו היקר, האיש המצוין במדותיו

מוה״ר יחיאל מאיר הכהן ברין נ״ע

והרינו משתתפים בצערם הגדול של משפחתי המתאבלת.

הלויה תתקים בשעה 11 בדיוק מבית הטהרה.

מתפללי בית התפלה ע״ש ר׳ סנדר דישקין ז״ל פיעטריק. 8
הועד של קופת „גמלת חסד" שע״י בית התפלה

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●
צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●
בײלאגע צום „נײעם פאלקסבלאט" נומער 179
פרײטאג, דעם 2 אויגוסט 1935

## אזוי ווײזט עס אוים!



זי האט געמוזט האבען אַנ'אַרישע באבע: זי שלאגט יודען...



## פּיניעלע מזיק
### גיט לשון



שום אלייכים, יאַטן, צ'ווייסט ווי איעך בין? אין דאַנצנג בין איעך, צ'מיינט אַזאַדאַנציג ווי די ווילקער וואַבער אין מעידן טאַנצן פּאַקסדרועט? אָך, אין דאַנצינג, אין דער שטועט דאַנצינג. פון קאָוויע בין איעך אַראַנגיגאנגע קאַ דאנצינג.

צ'מיינט, אַז דו, אין דאַנצינג זענען נישטו אינדזערע באליטער יאטלעך? זאָך אזוי לעיבן מיט ענק ציזעזאַמעט, ווי איעך אָב גיזעיען באליטער יאַטן, אין דאפּקע פּון שמולן געסל. כאָב זיי באלד דערקנאַסט. כאַדזביג זיי רעדן דאַטשמעריש אין גייען אָעטגיפּיאָקיוועט ווי די קיטריעם.

איינער אַ באַליטער יאַט פּון פּרעווענטן-געסל, אַ גאַנצער מינאַריך, אָט מיעך אָכעט דערקענט, אָט איער זיך מיט מיער גיפרייט ווי שמעלקע מיטן גידוכים.

— פינקוס וואָס מאַכסט דו? וואָס העירט מאַן אין דעים שמאַלן געסיען?

אָב איעך עיעם אַ מעסט אונגיגעבן פון קאַפּע־לויש ביז די קאַמאַשן אין אָב אַזוי גיזוגט:

— שימשעלע פענטאַק, וואָס בראַכסטו עפּעס דאַטש? סאַרע פינקוס בין איעך דיער? איעך הייס פּיניעלע, פּיניעלע מאַזיק, אַזוי שוואויל איז דיער דו באַ די קאַקענקרייצן, אַז די שמאַסט שוין פּראַסיש?

נו, וואָס זאָגט עך, יאַטן, אָב איעך דעיעם פענטאַק גיט אראנגיזוגט?

צ'ווייסט וואָעס נאָך איעך אָב דו, אין דעים דאנצינג גיגאט? מאט דעך מיעך בעזיעכט צי כאניש קאַ ווליוטע.

אַ גראָבער דאַטש טרעפּט מיעך אין דער גאַס. מאַכט עיער צי מיער:

— דו, וואָס מאַכסט דו היער?

אָב איעך מיער גיטראַכט: זאָסט מאַכן מיט די זאַטן.

ני, אָט עיער מיעך בעזיעכט צי כ'שמוקל ניש קאַ ווליוטע.

אַז מ'זוגט יעקע פיי מעיג מע גלייבן. באַ מיער, באַ פּיניעלן, זיעכט עיער ווליוטע! ווען איעך וואָלט גיגאַט ווליוטע וואָלט איעך גיגאַנגע פּיעכאָטע פון באַליט קאַ דאַנציג?

וואָעס איעך קלעיר יעך צי טיען? יעך ראַכן איעך אַראנציגיין קא צאַמפּאָט, א קיק טיען צי אינדזערע ווילקער קאָמפּיען זיך ניש אין יאַם, צי אינדזערע שמאַלך־באַכער שפּילן ניש דאָרט אָף דעיר לי'רעטקע (גמיינט: רזלעטקע) אין טאָ־מער על איעך דאָרט פאַקן איינעם פון אינדזערע ווילקער, על איעך עיעם אינטערהאַקן די לעיבער.

דעוואַל זאַצך מיער גיזינט, אַ גרינסקע פּאַר אַלע באַליטער יאַטן.

ענקער פּיניעלע.

גראַף קאַלי.

## וואר-קל־אנגעז

איז געווען אַ וואָך, רבותי,
צרות, ליידען, יעדער מין
מיט איהר „יודען-האַס" מעג דאַנציג
קאָנקורירען מיט בערלין...

ס'האָבען דאָרטען די שטורמיסטען
זיך צעהוליעט מיט אַ ברען,
אַזאַ ווילדע יודען - העצע
האָט מען זעלטען וואו געזעהן.

ס'האָט דער מענש פון זיך די חיה
דאָרט געגעבען פרייע הענט
ס'האָבען פינסטערע פלאַקאַטען
ווילד געדראָהט פון אַלע ווענט...

און אין בויטען איז געשעהען
אַזאַ שאַנד, אַזאַ בהלה:
ווי אין סדום האָט מען אַ מעדעל
אויסגעשמירט מיט פעך און סמאָלע

און איהר אָפּגעגאָלט די לאָקען
און מיט פעדערן בעשאָטען...
ווייל זי האָט נישט אָפּגעהיטען
היטלעריסטישע געבאָטען....

ס'האָט דאָס מעדעל, הערט רבותי
אַ פערברעכען דאָך בעגאַנגען,
עפּעס זאָגט מען, אַז אַ יודעל
האָט איהר אַריש הארץ געפאַנגען...

מ'האָט דערוואוסט זיך, מיט אַ יודען
האָט אַ ראַנדקע זי געמאַכט
ערגיץ אין אַ זומער - אָוונד
ווען די ליבע האָט ערוואַכט...

יודען טאָר מען דאָך נישט ליבען
און נישט צערטלען און נישט גלעטען
העכסטענס מעג אַנ'עכטע דייטשקע
מיט די פיסלעך אויף זיי טרעטען...

## בעניעלעס 7 חכמות
### פון דער וואָך



.1

— פאַרוואָס האָט מען אין „דריטען רייך" פערבאָטען יודען צו בעזוכען די באָד־אַנשטאַלטען?

— ווייל דאָרט געהט שוין סיי ווי סיי די ווילדע יודען-העצע אויף דער גאַנצער פּאַרע.

— .2 —

— פאַרוואָס האָט דער ניו־יאָרקער בירגער־מייסטער נישט געוואָלט אַרויסגעבען אַ דייטש די ערלויבעניש צו ווערען אַ מאַסאַזשיסט?

— ווייל אויף „רייבען די ביינער" איז דער בעסטער פלאַץ אין דייטשלאַנד גופא.

-- .3 —

דער נייער בערלינער פּאָליציי־פּרעזידענט, העלדאָרף, האָט ערקלעהרט, אַז די יודען טוען מיסבּרויכען מיט דער „גאַסטפריינדליכקייט" פון דייטשלאַנד געדעכט, וואָרעם דייטשלאַנד איז איצט נזהר, נישט נאָר מ'מיט'ן מקיים זיין „הכנסת אורחים", זי זאָרגט אויך שטאַרק פאַר „בקור חולים" און „הלוית המת".

— 4 —

פון גענף, טיילט מען מיט, אַז דעם 31־טען ד. ח. וועט פאָרקומען אַ זיצונג פון פעלקער־בונד, אויף וועלכער ס'וועט בעטראַכט ווערען דער איטאַליעניש־אַביסינישער קאָנפליקט.

ווי מען שמועסט, וועט ענגלאַנד צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע — רעדען אַנ'אָפענעם „איין און דרייסיג".

— .5 —

אין דייטשלאַנד איז אין דער שטאָט בראַקעם פאָרגעקומען אַנ'אויפפרייס אין אַ מאַשינען־האַלע. די סבה פון אויפפרייס איז אַ קורץ־שלוס.

זאָגט דערויף דער „קונדס":

— יאָ, ס'איז אמת, ס'איז שוין טאַקע אין דער מדינה „קורץ" פאַרן „שלוס".

— .6 —

ווי די צייטונגען גיבען איבער, האָט די מינכע־נער פאָליציי אַדורכגעפיהרט קאָנטראָלעס בײ די פלייש־העקער, דאָס איז צוליב דעם יקרות אויף פלייש.

— אין אַ לאַנד וואו מענשען־פלייש איז אַזוי ביליג, מוזען בהמות הויך שטייגען.

— .7 —

אין די פּאָליטישע קרייזען קאָכט זיך איצט מיט דעם פּראָצעס פון דעם בעקאַנטען דייטשען קאָמוניסט טעלמאַן.

וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט בײ די נאַציס איין טעלמאַן, אַ מדינה, וואָס וויל מאַכען אַ תל פון דער וועלט, וועט נישט מאַכען אַ תל פון איין מאַן!

בעניעלע זאַלץ.

## פּײטעל און טרײטעל

פּײטעל: זאַג מיר, טרײטעל, וואו ליגט איי־גענטליך דאָס אַביסיניען, וועגען וועלכען מ'שרייבט איצט אַזוי פיל אין די גאַזעטען?

טרײטעל: געאָגראַפיש ווייס איך נישט, נאָר פּאָליטיש ליגט דאָס דאָרט, וואו די איטאַליענער ווילען קריגען אָנגעריבען אַ מאָרדע.

פּײטעל: אוי־אַזוי, טאָ ערקלעהר מיר, טרײ־טעל נאָך אַ זאַך: אין פוילען טאָר מען נישט באָיקאָטירען דייטשע סחורה, נו, און די וואַהלען צום סיים מעג מען יאָ באָיקאָטירען?

צווייטער: שוטה איינער, די סיים־וואַהלען איז דאָך ריין פוילישע סחורה!...

